**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/28/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**ביים די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר, צייכנט גאווארנער האקול אונטער געזעצגעבונג צו שטיצן ניו יארק'ס אגריקולטורעלע אינדוסטרי**

***S.6320/A.6821 ערמעגליכט פאר די דינגען פון סטעיט לאנד ביז צען יאר פאר די צוועק פון אראפקלאפן ביימער און זאפט פראדוצירונג***

***S.9232/A.10199 אטאריזירט די באנוץ פון עפלער געוואקסן אינדרויסן פון ניו יארק פאר סטעיט געלעיבלטע סיידער ווען נויטיג צוליב די פארלוסט פון גערעטעניש***

***S.9248/A.7020A שטעלט אוועק די אנפאנג פארמער אדווייזערי באורד אויף אגריקולטור***

גאווארנער קעטי האקול האט היינט, ביי די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר, אונטערגעשריבן דריי שטיקלעך פון געזעצגעבונג פארברייטערנדיג ריסארוסעס און באשיצונגען פאר די סטעיט'ס אגריקולטורעלע אינדוסטרי. לעגיסלאציע S.6320/A.6821 ערמעגליכט דאס דינגען פון סטעיט לאנד צו ווערן גענוצט פאר זאפט פראדוצירונג און אפהאקן פון ביימער פאר צען יאר צףו פארמערן די צוריקקום אויף אינוועסטירונגען פאר פראדוצירערס, אריינגערעכנט מעיפל פראדוצירערס. געזעצגעבונג S.9232/A.10199 וועט ערלויבן לייסנסד פארם וויינגוטער צו נוצן עפלער וואס זענען געוואקסן אינדרויסן פון ניו יארק סטעיט צו פאבריצירן אדער פארקויפן סטעיט געלעיבלטע סיידער, אין באשטימטע אומשטענדן. געזעצגעבונג S.9248/A.7020A שטעלט אוועק די אנפאנג פארמער אדווייזערי באורד אויף אגריקולטור

"ווען מיר פייערן די סטעיט פעיר, אנערקענען מיר אז ניו יארק'ס אגריקולטור איז א צענטראלע באשטאנטייל צו אונזער סטעיט'ס עקאנאמיע," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "מיט די אונטערשרייבונג פון די געזעצגעבונג, פירן מיר ווייטער אונזער מיסיס צו אויפהייבן די געמיינדע און אויפווייזן אז מיר זענען דא זיי צו שטיצן יעדע שטאפל פונעם וועג."

לעגיסטלאציע S.6320/A.6821 אטאריזירט די קאמישענער פון די אפטיילונג פון ענוויראמענטאל קאנזערוואציע צו אריינגיין אין קאנטראקטן פאר די פארדינגען אדער באנוץ פון סטעיט לענדער פאר די צוועק פון אפהאקן ביימער אדער זאפט פראדוצירונג פאר א צייט-אפשניט פון ביז צו, אבער נישט מער ווי, צען יאר.

געזעצגעבונג S.9232/A.10199 שטעלט צו גערעטעניש פארלוסט באשטימונג פאר פארם וויינגוטער צו אטאריזירן די באנוץ פון עפלער געוואקסן אינדרויסן פון ניו יארק צו ווערן גענוצט פאר סטעיט געלעיבלטע סיידער ווען נויטיג צוליב די פארלוסט פון גערעטעניש.

**סטעיט סענאטאר רעיטשעל מאי האט געזאגט,** "אונזער מעיפל בוים אפהאקונג געזעצגעבונג איז א גוטע וועג צו העלפן די ניו יארק מעיפל אינדוסטרי ווייטער צו וואקסן און בליען. ערלויבנדיג 10-יאר פארדינגונגען פאסט צו די ווירקליכקייט וויאזוי די מעיפל אינדוסטרי ארבעט, און איך בין פרייליך אז מיר האבן געקענט אריינבאקומען די פארשטענדליכע געזעצגעבונג אריין אין געזעץ. א דאנק צו גאווארנער האקול פארן מאכן די ביל א הויכפונקט דורך עס אונטערשרייבן ביי די ניו יארק סטעיט פעיר היינט, און א דאנק צו דיר אסעמבלימעמבער דאנא לופארדא פאר איר פארטנערשאפט אין די ביל."

**אסעמבלימעמבער דאנא לופארדא האט געזאגט,** "איך וויל דאנקען די גאווארנער פארן נעמען די געלעגנהייט אונטערצושרייבן די וויכטיגע אגריקולטורישע מאסנאמען אינעם סטעיט געזעץ היינט. טוענדיג דאס ביי די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר דערמאנט אונז פון די צענטראלע ראלע וואס אגריקולטור שפילט אין ניו יארק'ס עקאנאמיע און וויאזוי די פעיר איז א פייערונג פון אונזער פארמערס און פראדוצירערס. שטיצן ניו יארק'ס אנפאנגענדע פארמערס, צוזאמען מיטן העלפן אונזערע מעיפל און עפל פראדוצירערס בליען, איז טייל פון אונזער איבערגעגעבנקייט צו אלע זאכן פון NY אגריקולטור."

געזעצגעבונג S.9248/A.7020A שטעלט אוועק די אנפאנג פארמער אדווייזערי באורד אויף אגריקולטור מיט די ציל פון איינפירן א פלאן וואס שטופט פאראויס די סטעיט'ס באמיאונגען צו ברענגען נייע טיילנעמער צו די פארם.

**סטעיט סענאטאר מישעל הינטשי האט געזאגט,** "ווען עלטערע פארמערס רעטייערן, פארלאזט זיך די צוקונפט פון ניו יארק'ס סופליי טשעין אויף אונזער סטעיט צו הלעפן נייע פארמערס אריינגיין אין די האנדל און אוועקשטעלן סוקסעספולע ביזנעסער. די וואס ווידמען זייערע לעבנס צו עסן פאבריצירונג דארפן אונזער פולע שטיצע - פונקט אזוויו מיר דארפן זייערע פעהיגקייטן צו פארזיכערן אז מיר האבן א סטאבילע און לאקאלע עסן סופליי. אונזער ביל טוישט די נאמען און פארברייטערט די אנפאנגענדע פארמער אדווייזארי באורד מעמבערשאפט, פארבעסערנדיג איר ראלע צו פארזיכערן אז מיר אדרעסירן עפעקטיוו די געברויכן פון ניי-אויפקומענדע פארמערס און לייגן א שטארקע פונדאמענט פאר ניו יארק אגריקולטורעלע צוקונפט. איך בין שטאלץ צו אנפירן די געזעצגעבונג מיט אסעמבלימעמבער לופארדא און דאנק גאווערנער האקול פארן דאס אריינשרייבן אין געזעץ."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן